**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/28/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פארזיכערט אינוועסטירונגען צו האלטן אונזערע קינדער פארזיכערט אנליין און הייבן יוגענטליכע גייסטישע געזונט הילפסמיטלען אלץ טייל פון די *פיסקאלע יאר* 2027 בודזשעט**

***בויעט אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו באשיצן קינדער וועלכע נוצן אנליין פלאטפארמעס פון די וואס לאקערן, סקעמערס און שעדליכע AI טשעטבאטס***

***פירט דאס לאנד דורך מאכן צענערלינגען גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף טרענירונג אוועילעבל פאר אלע צענטע קלאס סטודענטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן היסטארישע אינוועסטירונגען צו האלטן ניו יארק'ס קינדער פארזיכערט אנליין און אדרעסירן די סטעיט'ס יוגענטליכע גייסטישע געזונטהייט קריזיס אלץ טייל פון די פיסקאלע יאר 2027 ענעקטעד בודזשעט. די איניציאטיוו רעכנט אריין פארשטערקערן באשיצונגען פאר קינדער פון אנליין געפארן און איינפירן אן ערשטמאליגע סטעיטוויידע אויסברייטערונג פון צענערלינגען גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף (Teen Mental Health First Aid) טרענירונג. די בודזשעט וועט בויען אויף דער גאווערנער'ס נאציאנאלע-פירנדע ארבעט צו פארבאטן סמארטפאונס אין שולעס, איינצוימען ציענדע פידס, איינפירן סאושעל מידיע ווארענונג לעיבלס, און שאפן שוץ-מאסנאמען קעגן שעדליכע AI קאמפעניאנס. גאווערנער Hochul's (האקול'ס) ברייטע ציל צו פארשטערקערן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קאנטיניום פון קעיר האט אויך אריינגערעכנט די איינפירונג פון מער שולע-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס, געמיינדע-באזירטע באהאנדלונג אויסוואלן און פריינט-באזירטע הילף פאר יוגענטליכע און ערוואקסענע.

"אלץ ניו יארק'ס ערשטע גאווערנער וועלכע איז אויך א מאמע, טו איך אנערקענען די אויסערגעווענליכע שוועריקייטן און אנליין געפארן מיט וועלכע אונזערע קינדער באגעגענען זיך מיט טעגליך," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די בודזשעט נעמט היסטארישע טריט צו פארשטערקערן אנליין באשיצונגען און הייבן יונגענטליכע גייסטישע געזונטהייט הילפסמיטלען. דורך די איניציאטיוון, טוט ניו יארק מוטיגן עלטערן און קינדער צו אויספארשן מער ערפאלגרייך די אייגנארטיגע שוועריקייטן וועלכע זיי באגעגענען זיך מיט סיי אנליין און סיי אפליין."

**נייע באשיצונגען פאר קינדער אויף אנליין פלאטפארמעס**

פולצאליגע קלאגעס און אויספארשונגען האבן אלעגירט אז אנליין פלאטפארמעס האבן נישט גענומען פאסיגע טריט צו באשיצן די קינדער וועלכע באנוצן זיך מיט זיי. די אנליין פלאטפארמעס ערלויבן ערוואקסענע זיך צו פארבינדן מיט קינדער אין וועגן וועלכע לאזט קינדער זיין אויסגעשטעלט צו גרומינג, קינדער עביוז און זיין אויסגעשטעלט צו ריזיקעס, אריינגערעכנט אן אויפפירונג פון לאקערן.

דער גאווערנער'ס לעגיסלאציע צו האלטן קינדער פארזיכערט פון אויפקומענדע דראונגען אויף אנליין פלאטפארמעס, אריינגערעכנט סאושעל מידיע און געימינג פלאטפארמעס וועלן אריינרעכענען:

- **פריוואטקייט די סטאנדארט:** קינדער וועלן זיין אנגעשטעלט צו די העכסטע פריוואקטייט אנשטעלונגען אויף געדעקטע פלאטפארמעס ביים סטאנדארט, באדייטנדיג נישט-פארבינדענע העכער די עלטער פון 18 יאר קענען נישט קאמיוניקירן פריוואט מיט קינדער, זעהן זייער גאנצע פראפייל אדער זיי נאכגיין אין אינהאלט. לאקאציע אנשטעלונגען וועלן אויך זיין אויסגעלאשן ביים סטאנדארט, און קינדער אונטער 13 יאר אלט דארפן באקומען עלטערן באשטעטיגונג פאר נייע פארבינדונגען.
- **אומאקטיוויזירן AI טשעטבאט פונקציאנען:** אומאקטיוויזירן געוויסע AI טשעטבאט פונקציעס אויף אנליין פלאטפארמעס פאר קינדער.
- **עלטערן קאנטראלס:** עלטערן דארפן האבן די מעגליכקייט צו אנשטעלן באגרעניצונגען אויף קינדער'ס פינאנציעלע טראנזאקציעס אויף אנליין געימינג פלאטפארמעס און נאכקוקן זייער קינדער'ס טראנזאקציע היסטאריע.

**סטעיט סענעטאר Andrew Gounardes (ענדרו גאנארדס) זאגט,** "פאר צו לאנג, האט Big Tech פארמאכט אן אויג בשעת סאושעל מידיע און געימינג פלאטפארמעס זענען געווארן צענטערן פון אויסנוצן קינדער און אביוז. די אמת איז, זיי זענען געווען מער באזארגט איבער זייערע פארדינסטן ווי קינדערס' זיכערהייט. וויבאלד זיי האבן נישט גענומען שריט, האבן מיר דאס געטון. געימינג און סאושעל פירמעס וועלן דארפן איינפירן עכטע פריוואטקייט באשיצונגען און באדייטענדע באשיצונגען כדי זייער פלאטפארמעס זאלן מער נישט זיין א פלאץ פאר עפענטליכע גרומינג פון קינדער. עלטערן זאלן זיך נישט דארפן זארגן אז זייערע קינדער ווערן געצילט דורך די וואס לאקערן בשעת זיי שפילן ווידיאו שפילן מיט זייערע פריינט אנליין. אלץ א פאטער פון יונגע קינדער, ווייס איך אז די ריזיקעס זענען הויך. היינט, נעמען מיר א שריט צו א זיכערערע, בעסערע אינטערנעט פאר אלע ניו יארקער. איך וויל דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און פאר'ן דאס אריינלייגן אין איר בודזשעט."

**סטעיט סענעטאר Samra Brouk (סאמרא ברוק) האט געזאגט,** "אלץ טשעיר פון די סענאט גייסטישע געזונטהייט קאמיטעט, טו איך אנערקענען אז יוגענטליכע גייסטישע געזונט איז נאך אלץ א קריזיס אין ניו יארק סטעיט. איך באגריס גאווערנער Hochul (האקול) פאר אינוועסטירן אין אונזערע יונגע מענטשן דורך זיי באשיצן פון אנליין פלאטפארמעס וועלכע לאקערן, זיי האלטן פארזיכערט אויף סאושעל מידיע, און אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט טרענירונג צו העלפן טויזנטער צענערלינגען אנטוויקלען וויסנשאפט פון גייסטישע געזונט און סובסטאנץ באנוץ פראבלעמען זיך צו קענען שטיצן, ווי אויך זייערע פריינט."

**סטעיט סענעטאר Kristen Gonzalez (קריסטען גאנזאלעז) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר'ן שטעלן די זיכערהייט פון יונגע מענטשן אלץ א פריאריטעט אין ניו יארק. דורכאויס דאס יאר'ס AI וואך אין אלבאני, האבן מיר צאמגעברענגט אדוואקאטן, ארבעטער און אנערקענטע Maria Raine (מאריע רעין) פאר איר פאמיליע'ס טראגישע ערפארונג מיט טשעטבאטס, אלץ טייל פון די וואקסנדע באוועגונג אונטער די קאמף פאר א זיכערערע דיגיטאלע צוקונפט. די אינוועסטירונגען בויען אויף ניו יארק'ס נאציאנאלע פירערשאפט אין אדרעסירן די שאדן פון ציענדע אלגאריטמס, געפארפולע AI סיסטעמס און אנליין פלאטפארמעס וועלכע לייגן צופיל מאל פארדיסטן פאר די וואוילזיין פון קינדער. דורך צאמשטעלן שטערקערע אנליין באשיצונגען מיט פארברייטערטע גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר יוגנע מענטשן, נעמט די בודזשעט א וויכטיגע שריט צו שאפן א געזונטערע און מער פארזיכערטע צוקונפט פאר די קומענדיגע דור."

**אסעמבלי מיטגליד Steve Otis (סטיוו אטיס) האט געזאגט,** "איינע פון די הויפטן פון דאס יאר'ס אנגענומענע סטעיט בודזשעט איז די סעריעס פון נייע מיטלען צו פארבעסערן די געזונטהייט פון קינדער אנליין. נייע געזעצן צוצושטעלן פריוואטקייט אלץ א סטאנדארט, פארבעסערטע עלטערן קאנטראלס און

טשעטבאט באשיצונגען בויען אויף זיכערהייט מיטלען וועלכע מיר האבן איינגעפירט אין לעצטערע יארן. גאווערנער Hochul (האקול) און איר טיעם האבן געמאכט באשיצן קינדער אין די טוישנדע און באזארגנדע אנליין טעכנאלאגיע סביבה א הויפט פריאריטעט. ניו יארק טוט ווייטער זיין א נאציאנאלע פירער אין באשיצן קינדער פון אנליין און טעכנאלאגיע דראונגען."

**אסעמבלי מיטגליד Jo Anne Simon (דזשאו ענן סימאן) האט געזאגט,** "איינע פון די הויפט זארגן וועלכע איך הער איבער איז די גייסטישע געזונטהייט קריזיס וועלכע יונגע מענטשן ספראווענען זיך מיט יעדן טאג. כדי צו אדרעסירן יוגענטליכע גייסטישע פראבלעמען, האבן מיר געמאכט באדייטענדע בודזשעט אינוועסטירונגען אין סערוויסעס ווי צענערלינגען גייסטישע געזונטהייט פירסט עיד און פארשטערקערט באשיצונגען פון אנליין דראונגען. איך בין דאנקבאר פאר'ן גאווערנער פאר איר אויסערגעווענליכע פירערשאפט אויף די אנגעלעגנהייט כדי יעדע יונגע מענטש זאל קענען בליען."

**אסעמבלי מיטגליד Nily Rozic (נילי ראזיק) האט געזאגט,** "באשיצן יונגע מענטשן אנליין איז צווישן די וויכטיגסטע פאראנטווארטליכקייטן וועלכע מיר טיילן מיט אלץ געזעץ געבער, עלטערן און געמיינדעס. די היסטארישע אינוועסטירונגען אין דאס יאר'ס בודזשעט וועט העלפן פארזיכערן אז קינדער זענען מער פארזיכערט פון לאקערנדע אויפפירונג און שעדליכע אנליין אינהאלט, בשעת'ן געבן פאר פאמיליעס שטערקערע געצייג צו באשיצן זייערע קינדער'ס פריוואטקייט און זיכערהייט אנליין. איך בין שטאלץ צו זיין א שותף מיט גאווערנער Hochul (האקול) און מיין לעגיסלאטיווע שותפים צו פאראויסשטופן פאליסיס וועלכע שטעלן די וואוילזיין פון אונזערע יונגע מענטשן קודם און בויען זיכערערע אנליין סביבות פאר קינדער לענגאויס ניו יארק."

**פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט טרענירונג פאר הונדערטער פון טויזנטער צענערלינגען**

גאווערנער Hochul's (האקול'ס) אינוועסטירונג וועט מאכן צענערלינגען גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף טרענירונג אוועילעבל פאר אלע 10'טע קלאס סטודענטן איבער ניו יארק סטעיט. ניו יארק וועט ארייינברענגען אין פאזעס א פארפליכטונג צו מאכן טרענירונג אוועילעבל פאר מער ווי 180,000 סטודענטן יערליך, פארזיכערנדיג אז איבער צייט וועלן מערסטנס טייל הויך שולע סטודענטן האבן די פשוטע פעיגקייטן צו העלפן זיך אליין און איינער די צווייטע.

ווען צענערליגן מאכן מיט גייסטישע געזונטהייט און סובסטאנץ באנוץ שוועריגקייטן, אפטמאל איז זייער ערשטע טריט צו זיך אויסרעדן צו זייער פריינט. אזוי אויך, פריינט זענען אפט אין די בעסטע פלאץ צו אינדענטיפיצירן און מיטפילן מיט סטרעס וועלכע קען ווירקן אויף אנדערע סטודענטן. פארש צייגט אז מיט טרענירונג, יונגע מענטשן האבן די קאפאציטעט צו סיי אידענטיפיצירן און ווירקליך רעאגאירן צו גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן אין וועלכע קענען פארבעסערן און אפילו ראטעווען לעבנס.

די טרענירונג איז געאייגנט פאר יונגע מענטשן צווישן די יארגענג פון 15 און 18 אז זיי זאלן קענען אידענטיפיצירן, פארשטיין און רעאגירן צו צייכענס פון גייסטשיע געזונט און סובסטאנץ באניץ שוועריגקייטן אין זייערע פריינט. עס שטאפירט זיי מיט די פעאיגקייטן צו דערקענען באקאנטע צייכענס און סימפטאמען פון גייסטישע געזונטהייט און סובסטאנץ באניץ פראבלעמען; די השפעה פון טשעפעריי און שולע געוואלדטאטן אויף גייסטישע געזונטהייט; וויאזוי צו האבן ווירקפולע שמועסן מיט קלאס מיטגלידער איבער גייסטישע געזונטהייט זארגן אדער צו זוכן הילף פון אן ערוואקסענע; פארמאלע און אינפארמאלע שטיצע; און קעיר נעמען פון זיך אליינס.

אלץ א טייל פון די אינוועסטריונג, וועט די סטעיט אויך צושטעלן יוגענטליכע גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף טרענירונג פאר ערוואקסענע וועלכע זענען אפט פארמישט מיט יוגענטליכע אין שולעס און געמיינדע פראגראמען. די נאציאנאל-אנערקענטע קאריקיולעם טוט ארייינברענגן גייסטישע געזונטהייט

שוועריגקייטן פאר יוגענט, געט אן איבערבליק אויף טיפישע יוגענט אנטוויקלונג און לערנט אויס א 5-טריט שריט פלאן פאר ווי אזוי צו העלפן יונגע מענטשן און סיי קריזיס און נישט-קריזיס סיטואציעס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) קאמיסיאנער דאקטאר Ann Sullivan (ענן סויליוואן) האט געזאגט,** "אין אונזער שמועסן מיט יונגע מענטשן איבער גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען, איין אנגייענדע פאדעם איז געווארן קלאר - יוגענט שמועסן זיך אויס מיט זייער פריינט ווען זיי זענען אין א נויט. צענערליג גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף העלפט יונגע ניו יארקער רעדן מיט זייער פריינט איבער גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און שטעלט זיי צו מיט די וויסנשאפט איבער וויאזוי זיי צו ברענגען הילף ווען עס איז געדארפט. דורך פארברייטערן די פראגראם, גאווערנער Hochul (האקול) טוט פארזעצן איר אומבויגזאמע פארפליכטונג צו פארבעסערן יוגענט גייסטישע געזונטהייט און צושטעלן אונזער יונגע מענטשן מיט די פעיקייטן זיי קענען זיך פארלאזן אויף צו לעבן און בליען אינערהאלב די שווערינקייטן זיי זענען היינט אויסגעשטעלט צו."

**פרעזידענט און CEO פון די נאציאנאלע קאונסיל פאר גייסטישע געזונטהייט Chuck Ingoglia (טשאק אינגאגליא) און וויצע פרעזידענט פון גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף Tramaine EL-Amin (טראמאין על-אמין) האבן געזאגט,** "די מעלדונג רעפריזענטירט א היסטארישע און טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין יוגענט גייסטישע געזונטהייט. מיר זענען שטארק דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר שטאנדהאפטיגע פירערשאפט און אומבויגזאמער פארליכטונג צו די גייסטישע וואוילזיין פון ניו יארק'ס סטודענטן. דורך פארברייטערן צענערליג גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף צו דעגרייכך אלע 10טע קלאס סטודענטן איבערן סטעיט, ניו יארק טוט שטעלן א מאכטפולע נאציאנאלע סטאנדארט - נארמאליזירענדיג שמועסן איבער גייסטישע געזונטהייט, פארמינערן סטיגמא און אויסשטאפירן א גאנצע גענעראציע מיט קריטישע, פאטענציאל לעבענס-רעטענדע פעיקייטן. די נאמציאנאלע קאונסיל איז שטאלץ צו מיטארבעטן אין די באמיהונג און בלייבט גענצליך פארפליכטעט צו שטיצן שולעס, ערציער, עלטערן און געמיינדעס ווען די לאנדמארק איניציאטיוו רוקט זיך פאראויס."

ניו יארק סטעיט וועט אויך אנפאנגען א בליענדע פעקל פון איניציאטיוון געאייניגט צו פארשטערקערן די גייסטישע געזונטהייט אינפארסטרוקטור, פארבעסערן סובסטאנץ באנוץ פארמיידונג, און פארברייטערן ערהוילונג הילפסמיטלען פאר יוגענטליכע און יונגע ערוואקסענע לענגאויס די סטעיט.

- **אנטוויקלונג פון יוגענטליכע זיכערע פלעצער:** די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (OMH) וועט פארברייטערן איר יוגענטליכע פארזיכערטע פלעצער (Youth Safe Spaces) פראגראם דורך באשטימען נאך צוויי געמיינדע ארגאניזאציעס צוצושטעלן נאן-קלינישע, הילפבארע, און גלייכבארעכטיגטע סביבות וואו צענערלינגען קענען האבן צוטריט צו וואוילזיין הילפסמיטלען און בויען פאזיטיווע פריינט פארבינדונגען.
- **אנערקענען שולעס וועלכע שטעלן צו פארבעסערטע גייסטישע געזונטהייט הילף:** א נייע "שולעס פון אויסצייכענונג אין שטיצן גייסטישע געזונט (Schools of Distinction in Supporting Strong Mental Health)" באשטימונג וועט ווערן אויפגעשטעלט. די אנערקענונג וועט אנערקענען, באלוינען און צושטעלן פינאנציעלע אינסענטיווס פאר שולעס וועלכע קומען נאך הויכע סטאנדארטן אין קריזיס פארמיידונג, סטיגמע נידערונג און גייסטישע געזונטהייט סקרינינגס.
- **אנפירן א יוגענטליכע-אנגעפירטע סובסטאנץ באנוץ פארמיידונג אווענט:** די אפיס פון אדיקציע סערוויסעס און הילף (Office of Addiction Services and Support, OASAS) וועט אנפירן א פריינט-אנגעפירטע אווענט פאר סטודענטן צו לערנען איבער די געפארן פון סובסטאנץ באנוץ און גייסטישע געזונטהייט אויפהאלטונג פון זייערע פריינט. זיי וועלן ווערן צאמגעשטעלט מיט א יוגענטליכע-קאנצענטרירטע סאושעל מידיע און דיגיטאלע מידיע פארמישונג קאמפיין.

- **אויסברייטערן באַוווייז-באַזירטע טרענירונג פאַר קינדער-סערווירנדע קלינישענס:** גאווערנער Hochul (האָקול) וועט באַפעלן OMH אַרויסצוגעבן אַ 10-יאָר טרענירונג מאַפּע וועלכע וועט פאַרזיכערן אַז אַלע קינדער-סערווירנדע קלינישענס אין אַגענטור פלעצער ווערן גענצליך טרענירט אין באַוווייז-באַזירטע פּראַקטיקן, און דערביי אויפשטעלן ניו יאָרק אַלץ אַ נאַציאָנאַלע פירער אין יוגענטליכע גייסטישע געזונטהייט קעיר.
- **עפענען 15 נייע יוגענטליכע קלאַב הייזער פאַר ערהוילונג הילף:** OASAS וועט עפענען ביז 15 נייע יוגענטליכע קלאַב הייזער, צו מוטיגן געמיינדע-באַזירטע ערהוילונג און לעבנס-סקילס טרענירונג, וועלכע וועט זיך געפונען צוזאַמען מיט עקזיסטירנדע ערהוילונג געמיינדע און אַוטריטש צענטערן, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אויף אונטערגעשאַצטע קאַונטיס.
- **הייבן שטיצע פאַר LGBTQ+ יוגענטליכע:** זיך קעגנצושטעלן אַנטקעגן די פעדעראַלע אַטאַקעס אויף ספּעציעליזירטע קריזיס סערוויסעס, וועט OMH זיך צאַמשטעלן מיט אַ נאַציאָנאַלע קריזיס צענטער צוצושטעלן LGBTQ+ יוגענטליכע מיט ספּעציעלע קריזיס קאָונסעלינג און טרענירן הונדערטער לאָקאַלע 988 קריזיס קאָונסלערס צו באַהאַנדלען געוויסע זאָרגן פון LGBTQ+ יוגענטליכע.
- **פאַרמערן גייסטישע געזונטהייט הילף פאַר אינדעדזשינעס יוגענטליכע:** בויענדיג אויף די אינדעדזשינעס גייסטישע וואוילזיין פּילאָט פּראָגראַם ( Indigenous Mental Wellbeing Pilot Program), וועט די סטעיט זיך צאַמנעמען מיט טרייבעל נעישענס צו פאַרברייטערן טראַנזישאַנעל הילף אַרבעטער און פּריינט אַדוואָקאַטן אין אינדעדזשינעס-סערווירנדע שולע דיסטריקטס. ווי אויך, וועט אַ נייע אינדעדזשינעס שולע גייסטישע געזונטהייט אַרבעטסקראַפט צענטער געשאַפן ווערן צו העלפן SUNY סטודענטן נאָכגיין קאַריערעס אין שולע-באַזירטע גייסטישע געזונט.

**גאווערנער האָקול'ס אינוועסטירונגען אין יוגענטליכע גייסטישע געזונט**

די אינוועסטירונגען בויען אויף גאווערנאַר Hochul's (האָקול'ס) אָנגייענדע באַמיאונגען צו אַדרעסירן די יוגענטליכע גייסטישע געזונטהייט קריזיס איבער'ן סטעיט און העלפן האַלטן קינדער פאַרזיכערט אָנליין. די אַרבעט האָט אַוועקגעשטעלט ניו יאָרק אַלץ אַ גלאָבאַלע פירער אין פאַרזיכערן אַ מער פאַרזיכערטע אָנליין וועלט פאַר קינדער. איניציאַטיוון נעמען אַריין:

- די SAFE פאַר קינדער געזעץ (SAFE for Kids Act), וועלכע באַגרעניצט אַדיקטיווע פונקציעס פון סאָושעל מידיע פאַר קינדער.
- די קינדער דאַטאַ באַשיצונג געזעץ (Child Data Protection Act) וועלכע פאַרמיידט אָנליין אָפּערירער פון זאַמלען און מאַכן געלט אויף קינדער'ס דאַטאַ אָן אינפאָרמירטע ערלויבעניש.
- AI קאָמפּעניאָן (AI Companion) לעגיסלאַציע וועלכע שטעלט ערשטע-אין-פאַלק זיכערהייט מאָסנאַמען, פאַרדרייענדיג באַנוצער שמועסן איבער זעלבסט-שעדיגונג צו גייסטישע געזונטהייט רעסאָרסעס און אָפּשטעלנדיג אומגעזונטע אַדיקטיווע אויפירונג. די גאווערנער האָט אויך פאַרבאָטן AI-געבערענגטע קינדער סעקסיועל אַביוז מאַטעריאַל.
- די שטעק אויס און שפיל (Unplug and Play) אַגענדע וועלכע העלפט מוטיגן די געזונטע פּאַבערענגן און קינד אַנטוויקלונג דורך פינאַנצירן סאָושעל אינפראַסטרוקטור, פיזישע ערטער ווי שפּיל ערטער, געמיינדע צענטערן און שוים באַסיינען, פאַרברייטערטע יוגענט פּראָגראַמירונג.
- ניו יאָרק'ס שטערונג-פרייע לערנען פּאָליסי (Distraction Free Learning Policy), וועלכע פאַרלאַנגט סטעיטווייד, בעל צו בעל צוימונגען אויף סמאַרטפאָונס אין K-12 שולעס, וואָס האָט שוין געפירט צו בעסערע אַקאַדעמישע ערגרייכונגען, פאַרבעסערטע סטודענט וואוילזיין און מער פאַרזיכערטע שולע סביבות פאַר סטודענטן.

- די וואָרענונג לעיבעלס ביל (Warning Labels bill) וואס וועט פאדערן פון סאָושעל מידיע פירמעס צו ארויפלייגן ווארענונגען איבער די פלאטפארמע'ס פאטענציאלע ווירקונגען אויף די גייסטישע געזונטהייט.

גאווערנער Hochul'ס (האקול) פאלק-פירענדע 1 ביליאן דאלאר גייסטישע געזונטהייט איניציאטיוו און הונדערטע מיליאנען דאלארן אין פינאנצירונג אין נאכפאלגנדע בודשעטן האבן שטארק אויסגעברייטערט צוטריט צו קעיר פאר יונגע מענטשן און זייערע פאמיליעס - פון העכערן אינפעישענט און רעזידענטשעל באהאנדלונג קאפאציטעט ביז בויען קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס געאייגנט צו העלפן יונגווארג קענען פארבלייבן אינדערהיים אין זייער קאמיוניטי.

- גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך אויסגעברייטערט שולע-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס, וואס העלפן סטודענטן באקומען א לייסענסד מענטעל העלט קעיר פראוויידער אין א באקוועמע סביבה וואו זיי דארפן זיך נישט שעמען אויף זייערע שולע קאמפוס. די סטיעט טוט יעצט שטיצן 1,300 קליניק סעטעלייטס, ארויף פון 872 אין 2020, דעקענדיג 25 פראצענט פון אלע ניו יארק סטעיט פובליק שולעס.
- גאווערנאר Hochul'ס (האקול'ס) געוויכט אויף יוגענטליכע גייסטישע געזונט האט אויך געפירט צו די שאפונג פון [נייע יוגענטליכע עסערטיוו קאמיוניטי באהאנדלונג (Assertive Community Treatment, ACT) טיעמס] צו שטיצן יונגע מענטשן מיט ערנסטע עמאציאנאלע שטערונגען וועלכע זענען אדער אונטער די ריזיקע פון אריינגיין, אדער קערן זיך צוריק אהיים פון גאר שטארקע סערוויסעס, א שטייגער ווי אין-פעישענט אויסשטעל אדער רעזידענשל סערוויסעס. ניו יארק פינאנצירט 43 נייע יוגנטליכע ACT טיעמס - 23 וועלכע טוען יעצט אפערירן - אין 35 קאונטיס, צושטעלנדיג יונגווארג און פאמיליע טעראפי, מעדעצינען באהאנדלונג, פאמיליע און פריינט שטיצע, און אויפבויען פעאיגקייטן.
- עס זענען יעצט אויך דא 66 היים באזירטע קריזיס אינטערווינירונג (Home Based Crisis Intervention) טיעמס וואס נעמען אן רעפערעלס - וואס סערווירן יוגענטליכע צווישן די עלטער פון 5 און 20 יאר און שטעלן צו אינטענסיווע פערזענליך-געאייגנטע סערוויסעס צו העלפן פאמיליעס העלפן יונגע מענטשן וואס ערהוילן זיך פון גייסטישע קרענק אין זייערע אייגענע היימען. עס אנטוויקלען זיך נאך אכט טיעמס, אריינגערעכנט זעקס וועלכע וועלן דינען יוגענטליכע מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס.
- גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך אוועקגעשטעלט די יוגנט מענטעל העלט עדווייזארי באורד, א 30-מיטגליד עדווייזארי באורד וועלכע נעמט אריין יוגנט צווישן די יארגענג פון 11 און 17. די עדווייזארי באורד קומט זיך צאם פיר מאל א יאר און איז געאייגנט צו פארזיכערן אז יוגנט-באזירטע בעסטע איינפירונגען ווערן ווייטער גענומען אין באטראכט אין די אנטוויקלונג פון אויפפירונג געזונטהייט פראגראמען און פאליסיס.
- גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך אויסגעברייטערט [יוגענטליכע פארזיכערטע ערטער פראגראמען], אן איניציאטיוו אנטוויקלט מיט מיינונגען פונעם גאווערנער'ס יוגענטליכע גייסטישע געזונטהייט אדווייזערי באורד (Youth Mental Health Advisory Board). די פראגראמען שטעלן צו אן ארט פאר יונגע מענטשן צווישן די יארגענג פון 12 און 24 יאר צו האבן צוטריט צו אויפפירונג געזונטהייט און וואוילזיין הילפסמיטלען, מוטיגן פאזיטיווע פארבינדונגען מיט זייערע פריינט און צו באקומען שטיצע אין א באקוועמע ארט. עס ווערן יעצט פינאנצירט זיבן פון די פראגראמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן